# די וועכנטליכע מאמר אין עבודת ה' און אויף ענינים העומדים על הפרק

## פון כ"ק מרן פוסק הדור

# ראב"ד ירושלים הגאון האדיר רבי משה שטערנבוך שליט"א

## פרשת נצבים תשפ"ב

### די עונשים איז פאר אונזער טובה

**"אתם ניצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם ראשיכם שבטיכם זקניכם ושוטריכם כל איש ישראל"**, (כ"ט ט').

"למה נסמכה פרשת אתם נצבים לקללות, לפי ששמעו ישראל מאה קללות חסר שתים, חוץ ממ"ט שבתורת כהנים, הוריקו פניהם ואמרו מי יוכל לעמוד באלו, התחיל משה לפייסם אתם נצבים היום, הרבה הכעסתם למקום ולא עשה אתכם כליה והרי אתם קיימים לפניו".

(רש"י)

**רש"י** זאגט דא אז ווען די אידישע קינדער האבן געהערט די קללות זענען זיי דערשראקן געווארן, האט משה רבינו זיי בארוהיגט אז ס'וועט גארנישט געשעהן צו זיי, דארף מען פארשטיין וואס האט משה רבינו געוואלט מיט דעם, די סיבה פארוואס דער באשעפער האט עס מודיע געווען איז כדי מ'זאל מורא האבן עובר צו זיין אויף זיין רצון דורך דעם וואס מ'וועט וויסן וואס זענען די עונשים וואס קומען אויף דעם, אזוי ווי דער 'אבן עזרא' איז מסביר אין פר' בחוקותי (ויקרא כ"ו י"ג) אז ס'שטייט מער קללות ווי ברכות כדי צו דערציטערן די וואס הערן עס, אויב אזוי פארוואס האט משה רבינו געזאגט פאר די אידן אז ענק האבן שוין אסאך מאל עובר געווען אויף די רצון ה' און ער האט ענק נישט פארלענדט, און כביכול מ'דארף נישט מורא האבן פון די עונשים פון הימל.

**האט** הגה"צ רבי אליהו לופיאן זצ"ל מסביר געווען, אז די יסורים וואס דער באשעפער שיקט פאר א מענטש אויף די וועלט פאר די עוברי עבירה איז נישט קיין נקמה זיי צו שלעכט'ס טוהן, נאר ס'איז אלעס פאר זייער טובה ס'זאל אריינגיין אין זייער הארץ א פחד פון עבירה און זיי זאלן תשובה טוהן, דאס האט משה רבינו זיי געזאגט אז וויבאלד די קללות האט שוין משפיע געווען אויף ענק אריינצוברענגען אין ענק יראת העונש, ווייל ענק האבן זיך דאך דערשראקן וועגן די חטאים, אויב אזוי האט מען שוין דערגרייכט די תכלית און ס'פעלט שוין נישט אויס אז די קללות זאל קומען אויף ענק בפועל.

**און** דאס וואס משה האט זיי געזאגט "הרבה הכעסתם לפני המקום ולא עשה עמכם כליה", האט ער חלילה נישט געמיינט צו זאגן אז דער באשעפער שטראפט נישט פאר א עבירה, נאר ער האט געוואלט זיי זאלן מאכן א חשבון און זעהן אז די סיבה פארוואס זיי לעבן נאך כאטשיג וואס זיי האבן געזינדיגט, איז וויבאלד זיי האבן תשובה געטוהן צוליב יראת העונש ווען זיי האבן געזעהן די עונשים וואס דער באשעפער שיקט אויף די וואס זינדיגן, [ווי ביי די פרשה פון קרח און פון די מתאוננים און די פרשה פון די מרגלים], אויב אזוי אויך יעצט ווען זיי ציטערן אזוי צו זינדיגן וועט די קללות זיכער נישט קומען בפועל.

**לויט** דעם קען מען צולייגן און פארשטיין דאס וואס תוס' זאגט אין מס' מגילה (לא:) אז די סיבה פארוואס אייביג ליינט מען פרשת נצבים אין די שבת פאר ראש השנה און מ'איז נישט מסמיך קיינמאל פרשת כי תבוא צו ראש השנה, איז וויבאלד אונז ווילן מסמיך זיין און ליינען פאר ראש השנה א פרשה וואס רעדט אינגאנצן נישט פון קיין קללות כדי נישט צו מסמיך זיין די קללות צו ראש השנה. און לויט די אויבנדערמאנטע ווערטער קען מען עס זייער גוט פארשטיין, ווייל מיט'ן ליינען פרשת כי תבוא פעלט נאך אסאך פון די עיקר, ווייל אין פר' כי תבוא שטייט נאר די קללות אבער ס'שטייט נישט דארט אז די וועג צו ווערן געראטעוועט פון די קללות איז דורך תשובה, פאר דעם ליינט מען פרשת ניצבים פאר ראש השנה, וויבאלד אנהייב פון די פרשה ווערט מבואר אז משה רבנו האט געזאגט פאר די אידן אז זיי דארפן נישט מורא האבן פון די קללות ווייל זיי גייען אריין בברית ה' און זיי טוהען תשובה, און דורך דעם וועלן אונז וויסן יעדע'ס יאר אז אונז קענען געראטעוועט ווערן פון די קללות דורכ'ן מקבל זיין די ברית ה' און תשובה טוהן, און אזוי וועט מען אויך קענען אריינקומען אין ראש השנה בשמחה.

**אין** דעם איז אויך דא א גרויסע לימוד כלפי ראש השנה, ווייל ווער ס'גרייט זיך בכלל נישט מיט תשובה צו די יום הדין, און ער איז פארזיכערט אז אזוי ווי ער האט געלעבט ביז יעצט וועט ער ווייטער האבן א גוט לעבן אויך די קומענדיגע יאר, לייגט ער זיך אריין אין א סכנה רח"ל, און פון צווייט'ן זייט איז מידה טובה מרובה, ווער ס'איז זיך מתבונן אין די משפטים פון באשעפער אויף די וועלט און וועגן דעם גרייט ער זיך מיט תשובה און מעשים טובים פאר די יום הדין, איז ער מעורר אויף זיך רחמי שמים צו געראטעוועט ווערן פון יעדע שלעכטע גזירה.

**און** פון די עיקר עבודה אין חודש אלול איז זיך צו מתבונן זיין אין די פחד הדין, וויבאלד דאס פארשאפט א גרויסע התעוררות צו איבערקוקן די מעשים און תשובה צו טוהן, און דוד המלך ע"ה זאגט (קי"ט ק"כ) "סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי", און ווער ס'ברענגט אריין אין זיך א פחד ה' פון די משפט, איז מבטל פון זיך אסאך יסורים און עונשים רח"ל.

**די** אמת איז אז די פחד פון די יום הדין וואלט געדארפט זיין זייער שרעקעדיג, וויבאלד "הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט", און אונזער גאנצע לעבן, די געזונט, פרנסה, משפחה, אלעס ווענדט זיך אין די משפט, און די גאנצע משפט איז פונקטליך אויסגערעכנט, און מ'קען נישט אויסדרייען די משפט דורך קיין שום השתדלות אויסער פון תשובה תפילה און צדקה און מעשים טובים.

**איך** געדענק ווען איך בין געווען ביי מרן הגרי"ז זצ"ל מוצאי שבת אין חודש אלול, האב איך געהערט ווי ער חזר'ט זיך איבער שטילערהייט און ער זאגט "סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי", אויך האב איך געהערט אז מרן זצ"ל האט געזאגט אז עטליכע וואכן פאר ראש השנה פילט ער שוין נישט קיין טעם אין די עסן צוליב די פחד פון יום הדין וואס איז אים מבטל אלע הנאות פון עולם הזה.

**איך** געדענק ווי הג"ר אליהו לופיאן זצ"ל פלעגט אנפאנגען זיינע שמועס'ן אין חודש אלול "היינט איז אזויפיל און אזויפיל טעג פאר ראש השנה", און נאר נאכדעם האט ער אנגעהויבן זאגן מוסר. און מו"ר הגה"צ רבי משה שניידער זצ"ל פלעגט זייער שטארק וויינען אין די טעג מיט א פחד און א טרייסלביים לערנען מוסר, און ער פלעגט אנקומען פון מאל צומאל אין עשי"ת אין היכל הישיבה אינמיטן די סדרי הלימוד, און ער האט געשריגן און געוויינט אז מ'האט נאכנישט גענוג תשובה געטוהן אין די טעג.

**און** די אמת איז אז אויך פשוט'ע אידן פון די פריערדיגע דורות האבן געציטערט פון די יום הדין, און ס'איז באוואוסט וואס דער חתם סופר האט געשריבן אין א תשובה אז ווער ס'דארף באשווערן זיין חבר אין דין תורה, זאל ער בעסער ארויפלייגן אויף אים די שבועה אין חודש אלול ווייל האבן אפילו די פשוט'ע מענטשן מורא פאר זייער נפש. און הגאון רבי זעליג ראובן בענגיס זצ"ל האט דערציילט אז אין זיין שטאט ווען מ'האט געבענטשט חודש אלול האט מען געהערט פון די בעלי בתים בכיות פון די אימת הדין. און ס'קלינגט מיר נאך אין די אויערן די בכיות פון מיין באבע ע"ה, די מאמע פון מיין טאטע זצ"ל בשעת די פטירה פון מיין טאטע אין א יונגן עלטער פ, ווי זי האט מיט ביטערניש געשריגן געשטיקט פון געוויין "ווייי איז מיר אז איך האב נישט גענוג געוויינט ביי 'ונתנה תוקף' און ביי די אנדערע תפילות פון ימים נוראים, פארדעם איז געקומען די צרה אויף אונז, ווייל אויב וואלט איך מער געדאוונט אין ימים נוראים וואלט איך געקענט אפהאלטן די שלעכטע גזירה".

**מיין** מאמע ע"ה האט מיר דערציילט אז אין עטליכע קהילות אין חו"ל פלעגט מען זיך פירן אז יעדע צופרי פון חודש אלול האט דער שמש אויפגעוועקט דעם ציבור מיט א ניגון "שטייט'ס אויף צו עבודת הבורא", און מ'פלעגט דאן אויפשטיין מיט א זריזות, און די טעם דערצו זעהט אויס וויבאלד אויפשטיין צו עבודת הבורא איז די וויכטיג'סטע יסוד, ווייל אויב שטייט ער אויף בזריזות איז די גאנצע טאג מיט א זריזות.

# פארשידענע רשימות פון די הנהגות פון מרן שליט"א אין ראש השנה די לעצטערע יאר'ן

## תפילות ראש השנה

**פון** ערב ראש השנה און ווייטער במשך גאנץ עשרת ימי תשובה זאגט מרן שליט"א אויס גאנץ ספר תהילים יעדן טאג.

**שוין** פון פאר ראש השנה בעהט מרן שליט"א פון זיינע בני בית און תלמידים און פון יעדער וואס זוכט זיין טובה, אז מ'זאל בעהטן אויף אים אין די טעג ברחמים ובתחנונים צו א שנת חיים וטובה וברכה, און מרן שליט"א פון זיין זייט איז מתפלל אין ספר תהילים אין יעדע ליידיגע רגע.

**אין** די טעג איז ער מעורר אין זיינע שמועס'ן איבער די חיוב פון יעדן איינעם צו מתפלל זיין אויף די גאולה, און ער ברענגט צו די משל פון חפץ חיים צו איינער וואס איז געווען איינגעשפארט אין תפיסה, און דער מלך איז אים געקומען באזוכן און ער האט געקענט בעהטן וואס ער וויל, האט ער געבעהטן אז מ'זאל פארבעסערן זיינע באדערפענישן אין תפיסה, האט מען אים געזאגט טיפש וואס דו ביזט, דו וואלט'סט געקענט בעהטן מ'זאל דיר ארויסלאזן פרייערהייט, אזוי אויך אונז געפונען זיך אין גלות, און ווען דער מלך קומט צו אונז אין די ימים נוראים דארפ'ן אונז בעהטן פון אים אז ער זאל אונז ארויסנעמען מיט די גאולה שלימה, און נישט זיין קיין טיפשים מו בעהטן נאר צו פארבעסערן די באדערפענישן אין די ביטערע גלות.

**מרן** שליט"א פירט זיך מיט די מנהג צו עסן פאר א סימנא טבא' ביי אלע סעודות אין ראש השנה בייטאג און ביינאכט, און ער צוטיילט יעדע'ס מאל די סימנים פאר צוויי מאל, די ערשטע מאל פאר קידוש ווען ער נעמט יעדע מין עקסטער אין די האנט און ער זאגט אויף דעם די נוסח יהי רצון אן ארויסזאגן די שם, און שפעטער נאכ'ן זיך וואשן עסט ער פון יעדע מין און ער זאגט אויף יעדע איינ'ס די יהי רצון מיט'ן דערמאנען די שם, ווי זיין שיטה וואס ווערט מבואר אין זיינע ספרים 'תשובות והנהגות'.

**מרן** שליט"א נעמט אויך א אתרוג אין ליל ראש השנה פאר א גוטע סימן אזוי ווי ס'ווערט מבואר אין טור, אזוי אויך נעמט ער א מצה אזוי ווי ס'שטייט אין די ספרים און ער זאגט "כשם שעשית ניסים לאבותינו ביצי"מ כן תעשה עמנו", (און ס'איז געווען יאר'ן וואס ער האט געזאגט "זכור לנו אכילת מצה"). די ראש איז פון א כבש און נישט פון א פיש.

## תקיעת שופר

**ראש** השנה שנת תשפ"ב- א קורצע צייט פאר תקיעת שופר איז מרן שליט"א אנגעקומען צו זיין באשטימטע פלאץ אויף די תקיעות נעבן די בימה, און זיין פנים פלאקערט ווי א פאקל, און ער האט איבערגעדעקט זיין פנים מיט די טלית און אויסגעפלאצט אין א יאמערליכן געוויין, און ס'האט זיך אראפגעלאזט א שרעק אויפ'ן ארט ווען אין די גאנצע בית מדרש הערט מען גוט די בכיות פון מרן שליט"א ביים מתפלל זיין די יהי רצון פאר שופר צו מעלה זיין די שופר און ממתיק זיין די דינים.

**גלייך** נאכדעם האט מרן שליט"א אנגעפאנגען מיט א הויכן קול "למנצח לבני קרח מזמור", און דערנאך האט ער פארגעזאגט די פסוקים פון "קרע שטן", פאר די תקיעות האט ער געהאלטן א פייערדיגע דרשה, און ער האט אראפגעברענגט די ווערטער פונעם הייליגן רש"ש אז מ'זאל כאטשיג תשובה טוהן אויף איין זאך, און ער האט ארומגערעדט אין די סוד פון די תקיעות, און ער האט מסביר געווען די פסוק "יום תרועה הוא לכם" אז די תרועה דארף אריינגיין אין ענק און אויפשאקלען די הארץ, און ער האט מעורר געווען איבער די שווערע יאר וואס איז אריבער, און ווער ווייסט וואס עס וועט זיין די קומענדיגע יאר.

**נאכדעם** האט מרן שליט"א אויסגערופן אז יעדער איינער זאל אינזינען האבן צו מקיים זיין די מצות עשה פון תקיעת שופר מיט'ן הערן און מיט'ן בלאזן, און מ'זאל אויסהערן יעדע תקיעה פון אנפאנג ביז'ן סוף אויך טאמער ס'פארלענגערט זיך די תקיעה, און יעדער זאל וויסן ביי יעדע תקיעה צו ס'איז א תקיעה פון פארדעם אדער פון נאכדעם, פארדעם איז גוט מ'זאל געבן א קלאפ אויפ'ן בימה צו ווייזן אז דאס איז די תקיעה בעפאר.

**גלייך** נאכדעם האט דער בעל תוקע אויסגערופן, "הריני מכוון לקיים מצוות עשה דתקיעת שופר ככתוב יום תרועה יהיה לכם", און ער האט צוגעלייגט אז ער האט אינזין יעדעם צו מוציא זיין מיט די ברכות און די תקיעות, און א חרדת אלוקים האט זיך אראפגעלאזט אויפ'ן פלאץ ווען די געוויינערייען פון מרן שליט"א הערט זיך גוט אין אלע ווינקלען פון בית מדרש.

**דערנאך** האט מען אנגעפאנגען די סדר התקיעות, די ערשטע טאג איז די תקיעות געווען אביסל שווערליך, אבער אין די צווייטע טאג איז עס שוין געווען גרינגער, [שפעטער האט מרן שליט"א געזאגט אז אין די ערשטע טאג איז דינא קשיא, וועגן דעם האט דער שטן פרובירט צו מבלבל זיין און צושטערן], און אלע תקיעות פון אנפאנג ביז'ן סוף איז געווען מיט א קול פשוט אן קיין קראצעניש און טרייסלעניש, און מרן שליט"א וואס שטייט דערנעבן פונעם בעל תוקע הייסט איבערגיין יעדע תקיעה וואס איז נישט גראד, און די וואס שטייען דערנעבן פון ארום קלאפן אויפ'ן בימה צו ווייזן פאר די ציבור אז מ'איז צוריקגעגאנגען צו די פאריגע תקיעה, און אינצווישן אטעמט דער בעל תוקע אריין אפצוטיילן צווישן די פסול'ע תקיעה און די כשר'ע.

**אמת** מה נהדר איז געווען די מחזה הוד צו זעהן מרן שליט"א בשעת די עבודה פון די תקיעות, ווען ס'איז אויסגעגאסן אויף זיין פנים א פחד און א שרעק צו יוצא זיין די תקיעות כדת וכדין, און ווי גרויס איז געווען די שמחה ווען ער איז ארויסגעגאנגען דערנאך ווי דער כהן גדול נאך די עבודה, ווען די גאנצע ציבור באגלייטן אים און ווילן ווערן געבענטשט דורך זיין הייליגע מויל.

# דיני פרוזבול (חלק ב')

## זיכוי אגב קרקע

**ה.** אין די נוסח פון די פרוזבול וואס מען שרייבט אין ביד"צ פון די עדה החרדית פירט מען זיך צו שרייבן לויט די נוסח פון רבינו גרשום און דער ר"י אלברצוני ז"ל, אז דער מלוה שרייבט אונטער אז ער איז מקנה פאר בי"ד ד' אמות אין זיין קרקע, און אגב דעם איז ער אויך מקנה די חובות, [דאס איז די לשון פון די שטר: "והריני מוסר לכם פרוזבול ויהבית לכון במתנה בקנין ד' אמות קרקע מארעא דאית לי, ועל גביהון ארשית יתכון למיגבא חובות דאית על אינשי ומעתה תיהוון לי דיינא ותקבלוהו לי ואם לא תגבוהו לי"], אבער אין די נוסחאות פון אנדערע בתי דינים פירט מען זיך נישט צו מקנה זיין די קרקע פאר בי"ד, און מ'קען מפלפל זיין אין די נוסח פון אונזער ביד"צ. (עי' בספר שמיטה כהלכתה (פרוזבול ז') ובתשובות והנהגות ח"ו סי' רע"ח).

**אין** שו"ת מנחת יצחק (ח"ו סי' ק"ס) איז דער גאב"ד העדה החרדית הגאון רבי יצחק יעקב ווייס זצוק"ל מיישב און מסביר די נוסח פון אונזער ביד"צ, אזוי אויך ברענגט ער דארט אראפ אז ווען מרן הגרי"ז זצ"ל האט מסדר געווען זיין פרוזבול ביי די בי"ד פון די עדה החרדית האט ער זיך געוואונדערט אויף די נוסח, האט דער ראב"ד הגר"פ עפשטיין זצ"ל אים צוגעוויזן אז אין רבינו גרשום (ב"ב כז.) שטייט די נוסח אז ער געבט איבער די חובות אגב די קרקע.

**דאס** אלעס ווענדט זיך אין די מנהגים. און ס'איז דא גדולי הוראה וואס האלטן אז ביי פלעצער וואס ס'איז נישט דא קיין באוואוסטע מנהג, איז בעסער זיך צו פירן און שרייבן די נוסח וואס איז מקובל אין רוב כלל ישראל נישט צו מקנה זיין קיין קרקע פאר בי"ד.

## שרייבן מיט א שליחות

**ו.** מ'קען דן זיין אויב עס העלפט צו שרייבן א פרוזבול דורך א שליח, און ס'איז בעסער אז דער מלוה זאל אליינ'ס שרייבן די פרוזבול און עס שיקן מיט א שליח זאל עס איבערגעבן פאר בי"ד, [און בי"ד וועט שרייבן אין די פרוזבול די דאטום ווען זיי האבן עס באקומען]. און אויב קען ער נישט, קען מען זיך פארלאזן אויף די פוסקים וואס זענען מיקל אז עס העלפט א שליחות, און פונדעסטוועגן זאל ער בעהטן פונעם שליח ער זאל אונטערשרייבן אויפ'ן שטר אז ער געבט איבער בשליחות די חובות פון זיין חבר פאר יענע און יענע דיינים, און ער געבט איבער די שטר פאר בי"ד. (תשובות והנהגות ח"ו סי' רע"ט).

## א הלוואה צו קענען מקיים זיין די מצוה

**ז.** לויט דער 'בן איש חי' זאל מען נאכ'ן שרייבן די פרוזבול נאכאמאל פארבארגן פאר'ן חבר און באשטימען א דאטום פאר ראש השנה, און ווען עס וועט קומען צו באצאלן זאל ער זאגן 'משמט אני', און ער וועט מקיים זיין די מצוה פון השמטת כספים, און אזוי פלעגט הג"ר שמואל סאלאנט זצ"ל זיך פירן. און מ'קען דן זיין אז דאס ווענדט זיך אין די מחלוקת אין די גדר פון מצוות שמיטת כספים בזמן הזה, ווייל לויט רוב ראשונים איז עס מפקיע די חוב פון זיך אליינ'ס, אבער די שיטה פון דער 'יראים' איז אז דער מלוה דארף זאגן 'משמט אני', אבער כל זמן ער האט נישט געזאגט 'משמט אני' איז דער לוה נאך מחויב צו באצאלן. און ס'זעהט מיר אויס אז נאר לויט דער יראים וואס האלט אז ס'איז א מצוה אויפ'ן מענטש צו זאגן 'משמט אני', איז דא א מעלה מיט די מנהג נאכאמאל צו פארבארגן נאכ'ן שרייבן די פרוזבול, אבער לויט די פוסקים וואס האלטן אז די חוב גייט אוועק פון זיך אליינ'ס, אויב אזוי איז נישט דא קיין שום מצוה בפועל אין די דין פון שמיטת כספים אויפ'ן מענטש, וויבאלד ווען ער איז נישט גובה די חוב איז עס אזוי ווי ער פארמיידט זיך פון מאכלות אסורות און פון גזל וכדו' וואס ער איז נישט מקיים בפועל א מצוה.

## פאלגנד איז די נוסח הפרוזבול פון מרן פוסק הדור שליט"א

**(מיט הידורים און דקדוקי הלכה ווי עס ווערט מבואר אין זיין ספר 'שמיטה כהלכתה' און אין זיינע אנדערע ספרים)**

## די נוסח הפרוזבול צו זאגן פאר די דיינים

"**הן** שנה זו שנת השמיטה ויש לי חובות בשטר ובעל פה שחייבין לי, והריני מוסר לכם פרוזבול כתקנת חז"ל שתיקן הלל, שמעתה כל חובות שיש לי, תהיו אתם דיינים, ותגבום ותקבלום עבורי.

**ואני** מזכה מעכשיו קרקע כל שהוא בקנין גמור לכל אחד מהלווין שלי שאין לו קרקע, וליהוי בזה מעכשיו שלו עד לאחר ראש השנה הבא עלינו לטובה בקנין, או אם אין לי קרקע להקנות רק בשאלה, אז תחול השאלת הקרקע בהודאתי לפניכם כהנ"ל בקנין המועיל.

**ומעתה,** אם אתם לא תגבו החובות, כיון שאני מוסר לכם פרוזבול זה, הרי אני גובה כל חוב שיש לי עד היום אצל כל אדם, כל זמן שארצה.

**ואם** אין אתם בית דין המועיל לפרוזבול, תהיו עדים שאני מוסר כל החובות שלי שבשטר ובעל פה לבית דין בירושלים עיר הקודש מטעם העדה החרדית. ובדברים אלו ובשטר פרוזבול, אני גובה ברשות בית דין כל חוב שיש לי כל זמן שארצה.

**ואם** צריך לדין פרוזבול להקנות בקנין אגב קרקע, הרי אני מקנה לבית דין שלהם במתנה ד' אמות קרקע שיש לי ובאופן המועיל כהנ"ל, ואגב הקרקע כל חובותי".

## שטר הפרוזבול

**במותב** תלתא בי דינא כחדא הוינא ואתא לפנינו ____________ בן ____________ ואמר לנו מוסרני לכם דיינים כל החובות שיש לי שאגבנו כל זמן שארצה כתקנת חז"ל שתיקן הלל פרוזבול. והקנה או השאיל קרקע ללוין שאין להם קרקע, ואנחנו בית דין שמענו דבריו וייפינו בזה כוחו שיגבה כל חובותיו על ידי פרוזבול זה כתיקון חז"ל.

**ואנו** מעידים שהוסיף ואמר לפנינו שאם אין אנו בית דין הראויים לפרוזבול, הרי הוא מוסר חובותיו לבית דין דעדה החרדית בעיר הקודש ירושלים, ובדברים אלו ובשטר פרוזבול, יש לו כח לגבות כל חובותיו.

**ואנו** מאשרים בזה שחל

**יום** _____ לחודש אלול שנת תשפ"ב, הכל שריר וקיים

**נאום** ____________________

**נאום** ____________________

**נאום** ____________________

## פארשידענע תשובות וואס איז איבערגעגעבן געווארן פאר מחנכים- חלק ב'

**שאלה:** ווי אזוי קען מען צוברענגען די קינדער און די בחורים צו די מדריגות אין יראת שמים וואס ס'איז געווען אין די פריערדיגע דורות?

**תשובה:** דער באשעפער פאדערט נישט פון אונז זיך אנצושטרענגען לויט די כוחות פון די פריערדיגע דורות וואס ס'איז אונז נישט מעגליך צו דערגרייכן, אונז דארפן ארבעטן לויט אונזערע כוחות, און אזוי איז מען ממילא זוכה צו סייעתא דשמיא משיג צו זיין אהבה און יראה.

**שאלה:** וואס קען מען זאגן פאר א בחור וואס פארמאגט נישט אזעלכע גוטע כשרונות, און ער פילט אז ער איז נישט מצליח?

**תשובה:** ער דארף וויסן אז זיין תפקיד צו לערנען איז נאר לויט די כוחות און כשרונות מיט וואס דער באשעפער האט אים באשאנקען, און ס'איז א טעות צו טראכטן אז די גדלות פון א מענטש ווערט געערכנט לויט זיינע כשרונות, ווייל 'אין הקב"ה מונה דפים אלא שעות', און יעדער איינער וואס פלאגט זיך אין די תורה איז עס זייער חשוב אין הימל, און אונז האבן אפילו נישט קיין השגה ווי ווייט, און פארקערט לפום צערא אגרא לויט וויפל ס'איז שווער אזוי גרויס איז די שכר אויף דעם.

**און** אויך דארף מען אים לאזן וויסן אז אויב גייט ער זיך אנשטרענגען מיט אלע זיינע כוחות ווי ס'דארף צו זיין, וועט ער זעהן א געוואלדיגע סייעתא דשמיא למעלה מדרך הטבע, און ס'וועט זיך עפענען פאר אים די טויערן צו פארשטיין די תורה הקדושה.

**שאלה:** ס'איז דא אסאך מידות מיט וואס מ'דארף מחנך זיין די קינדער, אויף וואס דארף מען משקיע זיין די מער'סטע?

**תשובה:** די מידה פון אמת, נישט צו זאגן ליגנט. און אזוי אויך זיך צו דערווייטערן פון גאווה און פון שנאת חינם.

**שאלה:** עס זענען פראהאנען אסאך בחורים וואס גייען אריבער פארשידענע שוועריקייטן, וואס קען מען זיי זאגן צו מחזק זיין?

**תשובה:** נישט זיין אריינגעטוהן אין די מחשבות איבער די שוועריקייטן, נאר טראכטן אויף די עתיד ווי אזוי מען קען וואקסן און ווערן נתעלה, און אויך וויסן אז די אלע שוועריקייטן איז געשיקט געווארן פון באשעפער און אלעס איז לטובה.

**שאלה:** אסאך בחורים פרעגן ווען איז די צייט וואס איז די מער'סטע פאסיג צו לערנען, אין די שפעטע נאכט שעות אדער גיין שלאפן פרי און אויפשטיין פאר'טאג'ס?

**תשובה:** ס'איז נישט דא אין דעם קיין קביעות'דיגע כלל, אלעס ווענדט זיך לויט דיר מענטש, איך האב געזעהן א שטארקע ברכה ביים לערנען אין די שעות פון פאר'טאג'ס, אבער אין קאצק פלעגט מען לערנען ביינאכט, און זיי פלעגן זאגן אז מ'דארף אניאגן צו לערנען ווי מער ביינאכט ווייל ווער ווייסט אויב צופרי וועט מען נאך זוכה זיין צו לעבן.

**שאלה:** ס'איז דא קינדער וואס ווילן מאכן א סיום צו זייער בר מצוה, און זיי פרעגן וואס צו לערנען, ששה סדרי משנה אדער א מסכתא אין גמרא?

**תשובה:** משניות איז חשוב'ער וויבאלד עס נעמט ארום אסאך וויכטיגע ענינים וואס מ'דארף וויסן.

**אלס** קינד ווען איך בין געווען צוועלעף יאר, האט מיין זיידע הגרש"ז פינס זצ"ל מיר באפוילן צו לערנען גאנץ מסכת כתובות גמרא רש"י און תוס', וויבאלד מס' כתובות איז א קליין ש"ס וואס איז כולל ידיעות אין די גאנצע תורה.

**שאלה:** וואס דארפן די עלטערן בעיקר טוהן מיט זייערע קינדער נאך וואס זיי ענדיגן לערנען אין חדר?

**תשובה:** זיי אכטונג געבן פון שלעכטע חברים, און מתפלל זיין אז זיי זאלן געראטעוועט ווערן פון דעם.

**שאלה:** עלטערן פון א קינד וואס פארמאגט מוזיקאלישע טאלאנט'ן פרעגן, אויב זיי קענען שיקן זייער קינד אין די נאכט שעות צו לערנען מיוזיק אויף א אופן וואס זיי זעהען אז ס'העלפט אים, אדער זיך פארמיידן דערפון כדי דאס קינד זאל נישט ווערן אינגאנצן נאכגעשלעפט דערפון?

**תשובה:** דאס ווענדט זיך אויב גייט ער לערנען אין פלעצער פון יראים ושלמים מיט גוטע חברים קען מען אים שיקן ווען ס'איז דא דערין א תועלת, אבער טאמער געפונען זיך דארטן קינדער וואס זענען נישט אזוי ווי די ווינט אין שטוב זאל מען אים נישט אהינשיקן.

**שאלה:** אין די תקופה ווען עס גייט אריבער אויף די וועלט איבערקערעניש פון מלחמות און פארשידענע שוועריקייטן, וואס דארפן די מחנכים רעדן מיט זייערע תלמידים?

**תשובה:** אמונה און ביטחון.

**שאלה:** ווי אזוי באקומט מען חשק צו לערנען די תורה?

**תשובה:** ווען מ'לערנט תורה מיט יראת שמים באקומט מען חשק, וויבאלד די תורה בעצם איז זיס, און נאר ווען מ'לערנט עס נישט ווי ס'דארף צו זיין האט מען נישט קיין חשק, אבער ווען מ'לערנט עס כראוי מיט יראת שמים באקומט מען ממילא חשק.

## א שאלה וואס איז אנגעפרעגט געווארן פון מרן פוסק הדור שליט"א

**מרן** שליט"א איז אנגעפרעגט געווארן פון די הנהלה 'גניזה הכללית' אין ארה"ק, איבער א צעטל וואס שטייט דארטן די שם ה' מיט א שינוי פון איין אות, צום ביישפיל אז ס'שטייט אויף דעם 'אלוקים', צו מ'דארף עס גונז זיין אדער מ'קען עס אוועק ווארפן.

**האט** מרן שליט"א געענטפערט אז מעיקר הדין מעג מען עס אוועק ווארפן אין מיסט, וויבאלד זיין גאנצע כוונה מיט'ן משנה זיין די אות איז ווייל ער האט נישט געוואלט דערמאנען די שם ה', אויב אזוי הייסט עס נישט ווי איינע פון די טיטלען וואס איז מיוחד פאר'ן באשעפער.

**אבער** דאס איז נאר ווען רוב פון די צעטל איז עוסק אין דברי חול און ס'איז אריינגעפאלן דארטן די נאמען פון באשעפער, אבער טאמער שרייבט ער א צעטל פטר זיך נאר מיט די שם אלוקים, אדער אויב האט ער עס געשריבן אין אנפאנג פון א צעטל אין א עקסטערע שורה מיט גרויסע שטארקע אותיות זאל מען עס נישט טוהן, וויבאלד מיט די ווארט אלוקים האט מען אינזינען די שם המיוחד, פארדעם ווען מען זעהט אן אז ער ווארפט אין מיסט א ווארט וואס זיין כוונה איז דער באשעפער, און ס'איז ממש דומה צו איינע פון די מיוחד'דיגע נעמען פונעם באשעפער, דאן איז עס א פחיתות כבוד פאר די נאמען פון באשעפער און ס'איז כדאי זיך אפצוהאלטן פון עס טוהן.

צו באקומען וועכנטליך די גליון שיקט א אימעיל צו:
7110992@gmail.com

צו האבן א זכות אין פארשפרייטן די הייליגע ספרים און גליונות אזוי האוכט -
צו אריינשיקן פאר די מערכת הערות והארות וועגן די גליון און וועגן די ספרים
שיקט א אימעיל צו gilyonhuraved@gmail.com
די נאמבער פאר נדבות און הנצחות איז: 17166234717